# צום פינטל

גליון לג
פרשת קורח תשפ"ג
משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

תרומה

### ◆ 'ראשית' די חשובסטע

אין די פרשה לערנט מען פון די כ"ד מתנות כהונה, פון תרומה און מעשר, איז לאמיר זיך מתבונן זיין אין די חילוקים צווישן תרומה און מעשר, די ערשטע יסוד איז אז 'תרומה' איז 'ראשית', און 'מעשר' איז 'אחרית', תרומה נעמט מען אראפ די ערשטע, און 'מעשר' נעמט מען אראפ צום סוף, קודם נעמט דער בעל הבית אראפ זיינע - ניין - חלקים, ער ציילט פון איינס ביז ניין, און ערשט די צענטער געט ער פארן לוי.

די פסוק זאגט (במדבר יח יב) 'כל חלב יצהר וכל חלב תירוש ודגן, ראשיתם אשר יתנו לה' לך נתתים', תרומה דארף זיין 'ראשית', 'ראשית דגנך'. היות דער כהן זעלבסט איז דאך דער חשוב'סטער, 'וקדשתו לפתוח ראשון ולברך ראשון', ממילא דארף אויך זיין עסן זיין די חשוב'סטע, ער דארף באקומען די ערשטע. און נישט נאר ביי תרומה איז ער דער ערשטער, נאר אויך דער בכור באקומט ער - 'פטר רחם', אויכט חלה – 'ראשית עריסותכם', און אויך בכורים – 'מראשית כל פרי האדמה', פון אלעס באקומט דער כהן די 'ראשית'.

'מעשר' אבער, איז נישט נאר אז ס'איז נישט 'ראשית', נאר ס'איז ממש פארקערט, ס'איז 'אחרית'. ווייל די סדר ביי 'מעשר' איז אז דער בעל הבית נעמט קודם אראפ פאר זיך - ניין - חלקים, ער ציילט פון איינס ביז ניין, און ערשט נאכדעם געהט ער אראפ דער צענטער חלק פארן לוי. ווייל מ'דארף אלעס מודד זיין און שוקל זיין, און נאר נאכדעם וואס מ'האט די גאנצע חשבון קען מען אפשיידן, דער ישראל נעמט קודם די כבוד קודם פאר זיך אליין, ציילנדיג פון איינס ביז ניין, און ערשט נאכדעם געט ער פארן לוי די צענטער, ס'איז פונקט פארקערט ווי תרומה, וואס אלעס גייט מיט 'ראשית'.

און די שורש הדבר איז ווייל 'מעשר' איז דומה צו 'מתנת עניים', ביי אלע 'מתנת עניים' קומען די עניים נאכן בעל הבית, ווי למשל 'לקט שכחה פאה', וואס די עניים שלעפן זיך נאך 'בבזיון' נאך דעם בעל הבית, און אזוי איז בכלל ביי אלע צדקה וחסד, אז דער עני קומט נאך דער בעל הבית זעלבסט (חייך קודמין וכדומה). איז אזוי איז אויך מיט 'מעשר ראשון' פארן לוי, אז דער לוי איז א טפל צום בעל הבית, אזוי ווי אלע 'מתנת עניים'.

> **די סדר פלעגט זיין אז תרומה פלעגט מען געבן אויפן פעלד, ווען ס'האט 'חל' געווען די חיוב תרומה ב'דיגון ומירוח'. אבער 'מעשר' פלעגט מען געבן ערשט נאכדעם וואס די תבואה איז שוין געווען אין שטוב, נאך 'ראיית פני הבית'. ווייל 'מעשר' דארף זיין זייער פינקטלך (המרבה במעשרות, מעשרותיו טבלים), און בשעת ס'איז נאך געליגען אויפן 'שייער' פלעגט מען נישט האבן קיין פינקטליכע שיעור**

אבער תרומה האט נישט קיין שייכות צו 'מתנת עניים', אדרבא 'תרומה' פארלאנגט די תורה אז דער כהן זאל זיין מלמעלה ('על הגובה'), ער זאל זיין 'ראשית', ער זאל זיין פאר דער בעל הבית, ער זאל באקומען די חשוב'ע און די ערשטע, און דאס וואס דער בעל הבית בלייבט איבער, דאס איז אלעס נאר בגדר 'שיריים' אנטקעגען די תרומה (און אזוי אזוי אויך מיט אלע 'מתנת כהונה').

### ◆ 'ראשית' און 'שיריים'

נאך א יסודות'דיגע חילוק איז דא צווישן 'תרומה' און 'מעשר', אז די תרומה איז שטארק מעורב מיט די חולין, מה שאין כן ביי 'מעשר' וואס זענען זיי אפגעטיילט. ווי מ'זעהט עס איז פון די סכום 'תרומה', די תרומה קען זיך ריקען ארויף און אראפ, ס'האט נישט קיין פינקטליכע סכום ווי סאך צו געבן, וואס דאס מיינט בעומק אז ס'איז שטארק אויסגעמישט מיט די חולין. 'מעשר' אבער איז יא פינקטלעך, מעשר דארף זיין א פינקטליכע צענטל, ווייל די מעשר איז אפגעטיילט פון די חולין, עס איז נישט אזוי אויסגעמישט מיט די חולין זיינער.

די חז"ל זאגען 'ראשית שיהיה שיריה ניכרים', אז מ'קען נישט מאכן די גאנצע שייער תרומה, ס'מוז אלע מאל בלייבן אביסל חולין אז ס'זאל זיין בגדר 'שיריים', 'שיהיה שיריה ניכרים'. די קענסט מרבה זיין און מאכן מער תרומה, אבער אביסל מוז אלע מאל בלייבן חולין. ווייל אויב איז עס נישט 'ראשית', איז נישט דא קיין 'שיריים', און אויב ס'איז נישט 'שיריים' איז נישט דא קין ראשית, די 'ראשית' מוז ווערן ארויסגעהויבן העכער די 'שיריים'.

דער בעל הבית און דער כהן צוטיילן זיך כאילו מיט די 'כרי', די חלק ה'ראשית' גייט פארן כהן, און די חלק ה'שיריים' גייט פארן בעל הבית, און איינס גייט נישט אהן די צווייטע, די 'ראשית' און די 'שיריים' זענען מיוחס איינער קעגען צווייטן, ס'איז נישט שייך קיין ראשית אהן קיין שיריים, און ס'איז נישט שייך קיין שיריים אהן קיין ראשית, ס'איז

המשך בעמוד הבא

נישט שייך דער בעל הבית אהן דעם כהן, און ס'איז נישט שייך דער כהן אהן דער בעל הבית.

וואס דאס ווייזט אלץ ווי שטארק די תרומה מיט די חולין זענען אויסגעמישט, אז דער כהן מיט דער בעל הבית זענען ווי שותפים, און דער כהן איז א שותף אין די גאנצע חלק פונעם ישראל, אויסער די קליינע חלק ביים עק, די חלק ה'שירים', און די זעלבע זאך פארקערט, דער ישראל איז א שותף אין די גאנצע חלק פונעם כהן, אויסער די קליינע חלק ביים עק, וואס דאס איז דער חיטה אחת וואס דארטן זענען זיי נישט קיין שותפים.

ש'טייט אין אתוון דאורייתא אז 'טבל' איז נישט עפעס א מציאות פאר זיך וואס הייסט טבל, טבל מיינט אז די תרומה מיט די חולין זענען צוזאמגעמישט (אתוון דאורייתא ב בתחילת ד"ה עד כה, צפנת פענח על הרמב"ם פ"י מהלכות מאכ"א הי"ט, ועי' באתוון דאורייתא כלל ג). וואס דאס ליגט אין די עומק פון די נאמען 'טבל', מלשון 'טבילה', אז די תרומה און מעשר זענען גוט איינגעטונקן אין די חולין, זיי זענען גוט אויסגעמישט.

איז לויט ווי געשמועסט איז עס א חילוק צווישן תרומה און מעשר, 'טבל לתרומה' איז די תרומה אסאך מער צוזאם געמישט מיט די חולין, ווייל די גאנצע תבואה אויסער די צווי קצוות, קענען זיין חולין אדער תרומה, אויסער די צווי קצוות פון 'ראשית' מיט 'שירים', קען די גאנצע זאך זיין אינגאנצן חולין, אדער אינגאנצן תרומה. מה שאין כן במעשר וואס ס'איז א פינקטליכע מידה, א פינקטליכע צענטל, איז ממילא אויך די 'טבל למעשר' נישט אזוי שטארק אויסגעמישט, ווייל ס'איז שוין מתחילה קלאר א פינקטליכע סכום פאר מעשר, ס'איז קלאר אז נאר א צענטל גייט זיין מעשר.

און מיט דעם זענען די אחרונים (אוצר התרומה דף קלח) מסביר די קולא פון תרומה אז ס'מעג זיין 'באומד ובמחשבה', מ'קען אפשיידן תרומה בערך'דיג, ווייל 'תרומה' קומט נישט אפצוטיילן שארף, אדרבא די 'ראשית' מיט די 'שירים' דארפן זיין אנגעבינדן און אויסגעמישט, און אויב מ'וועט עס מאכן פינקטלך 'במדידה ובמשקל', טיילט מען עס צו שטארק אפ, ס'ווערט צו א שארפע שניד צווישן זיי. מה שאין כן במעשר דארטן דארף עס דוקא יא זיין פינקטלך, א פינקליכע צענטל אויפן האר, ווייל די מעשר און די חולין זענען נישט אויסעמישט אזוי שטארק.

די הלכה איז אז תרומה דארף זיין 'מן המוקף', און מ'לערנט עס ארויס פון די ווארט 'ממנו', ממנו מיינט אז די תרומה זאל ארויס קומען 'מתוך הכרי', אבער 'מעשר' דארף נישט זיין 'מן המוקף'. איז ס'איז דא א מחלוקת צו 'מן המוקף' איז א דאורייתא אדער א דרבנן, אבער פון דעם וואס ס'איז נאר דא ביי תרומה, און נישט ביי מעשר, איז משמע שטארק אז דאס האט א שייכות מיט די יסוד וואס אונז שמועסן יעצט, אז די 'תרומה' איז שטארק מעורב מיט די גאנצע כרי פון חולין, איז וועגן דעם דארף עס זיין מן המוקף, ער דארף זיין נאנט מיט די חולין וואס איז זיין שותף, און מתוך זיין שותף זאל מען אים אפשיידן, וואס דאס ליגט אלץ אין די 'ממנו', ווי איינער איז דער 'ממנו' פונעם צווייטן.

און מ'טרעפט טאקע כמה משמעות אז דין 'באומד ובמחשבה' און די דין פון 'מן המוקף' האבן א שייכות, אין מס' תרומות (פד משנה ג') קריגען זיך תנאים, און דער 'משנה אחרונה' דארטן איז מסביר אז זיי קריגען זיך אין די דאזיגע נקודה, צו די דער דין 'באומד ובמחשבה' און דער דין 'מן המוקף', צו זיי האבן א שייכות. אויך פון ראב"ד (תרומות פ"ג ה"כ) קומט אויס אז 'באומד ובמחשבה' און 'מן המוקף' האבן א שייכות, ס'דארף זיין מן המוקף צו העלפן שאצן 'באומד' (דאס הייסט אז טאמער וואלט מען געמאסטן ממש אזוי ווי ביי מעשר, וואלט נישט געדארפט זיין 'מן המוקף', אבער ווייל מ'מעסט נישט ממש, דארף עס זיין 'מן המוקף' צו קענען שאצן ריכטיג).

## ◆ כהן ולוי, חסדים וגבורות

שטייט אין זוהר הקדוש אז דער כהן איז חסדים, און דער לוי איז גבורות, תרומה איז חסדים, און מעשר איז גבורות. וואס דאס פארשטייט מען שטארק מיט דעם וואס מ'האט געשמועסט אז די תרומה איז שטארק מעורב מיט די חולין, און אויך ווען מ'טיילט עס אפ, איז עס 'באומד ובמחשבה' נישט מיט א פינקטליכקייט, וואס דאס ווייזט אויף חסדים און התפשטות, ס'איז נישטא אזא שטארקע שניד צווישן דער כהן און דער ישראל, דער עיקר איז נאר אז דער כהן באקומט די 'ראשית', און דער ישראל באקומט די 'שירים', און אינדערמיט איז עס אביסל ארויף אביסל אראפ. אבער 'מעשר' וואס איז גבורות, דאס גייט יא צו מיט א דקדוק, מיט א פינקטליכע שניד צווישן דער בעל הבית און דער לוי.

די סדר פלעגט זיין אז תרומה פלעגט מען געבן אויפן פעלד, ווען ס'האט 'חל' געווען די חיוב תרומה ב'דיגון ומירוח'. אבער 'מעשר' פלעגט מען געבן ערשט נאכדעם וואס די תבואה איז שוין געווען אין שטוב, נאך 'ראיית פני הבית'. ווייל 'מעשר' דארף זיין זייער פינקטלך (המרבה במעשרות, מעשרותיו טבלים), און בשעת ס'איז נאך געליגען אויפן 'שייער' פלעגט מען נישט האבן קיין פינקטליכע שיעור, ערשט סוף זומער, ווען מ'פלעגט אריינעמען די גאנצע תבואה פונעם שייער אין שטוב אריין, האט מען אלעס אריינגעליגט אין זעק, און מ'האט עס אריינגעברענגט אין די אוצרות אריין, ערשט יעצט האט מען געקענט מעסטן, לפי די זעק וכדומה, און מ'האט געקענט אנפאנגען צו אפשיידן מעשר.

דאס הייסט אז ביי תרומה איז דער בעל הבית נאך אין א מצב פון התפשטות, ער איז נאך אויפן פעלד, ער האט נאך גארנישט געמאסטן, וואס דאס ריפט זיך אז ער איז נאך אין א מצב פון חסדים, אבער ביי 'מעשר' איז ער שוין נאכן 'ראיית פני הבית', ער איז שוין אין א מצב פון גבורות, ער איז שוין נאך די מדידה ומנין, אין א מצב פון מדידה והגבלה. און טאקע וועגן דעם קומט דער כהן נאך אויפן פעלד, ער קומט אראפ נעמען זיין חלק גלייך, נאך פאר אלע מדידות והגבלות. 'מעשר' אבער איז פארקערט, מעשר קומט דער לוי דוקא נאך וואס אלעס איז שוין מסודר, די תבואה איז שוין במדידה והגבלה, יעצט ווערט א חיוב מעשר בראיית פני הבית, יעצט קומט דער לוי נעמען זיין פינקטליכע צענטל.

## ◆ אני חלקך ונחלתך

דער ספרי (פ' קיט) זאגט אז 'מתנת כהונה' באלאנגט בעצם פארן אייבירשטן, און דער אייבירשטער געהט עס פאר די כהנים. פארן אייבירשטן קומט דאך אודאי צו געבן די 'ראשית', די חשוב'סטע, איז ממילא די כהנים וואס קומען עסן ביים

המשך בעמוד האחרון

## דער 'דמיון' זעהט

די 'כח הדמיון' איז א כח פון 'זעהן', אבער נישט אינדרויסן אזוי ווי די אויגען, נאר א כח פון 'זעהן' פון אינדערווייניג אין דער מוח. לאמיר נעמען פאר א משל פון א מענטש וואס קוקט אויף א 'טיש', איז די אויגען זעהן די טיש פון אינדרויסן, און די 'כח הדמיון' זעהט די טיש פון אינדערווייניג, אין זיין מוח, און אפילו ער וועט פארמאכן זיינע אויגען, ער זעהט מער נישט די מציאות'דיגע טיש, נאכאלץ וועט די 'כח הדמיון' משיך זיין צו זעהן די טיש, ער וועט ממשיך זיין צו זעהן ווייטער אינדערווייניג אינעם מוח.

ווען א מענטש זעהט א טיש פון אינדרויסן, איז עס פינקטלעך אויפן האר אזוי ווי ס'איז באמת, ווייל אינדרויסן האט דאך יעדער זאך א פינקטליכע מידה, אבער ווען ער זעהט א טיש פון אינדערווייניג מיט די 'כח הדמיון', דאן קען ער ארום טוישן די טיש און אלעס ארום און ארום. ער קען ארום טוישן וויפל ער וויל, ער קען מאכן די טיש גרעסער אדער קלענער, אראפ נעמען שטיקלעך און ארויף לייגען שטיקלעך, ארום לייגען מענטשן וכו' וכו', ער קען טוהן מיט די בילד וואס ליגט אים אין קאפ 'כאדם העושה בתוך שלו', ער קען דערמיט וואס ער וויל, ווער וועט אים דעות זאגען וואס צו טוהן ביי אים אין קאפ.

אויך קען די 'כח הדמיון' ארומפליען אין אלע עקן פון די וועלט, ווי ס'איז באקאנט די ווארט פון בעל שם טוב, אז 'במקום שמחשבתו של אדם שם הוא', דארט ווי די דמיון פליט, דארטן פליט דער מענטש מיט. און א גוטע משל אויף דעם איז די אינטערנעט, וואס אין איין רגע איז דער מענטש אין אלע עקן פון די וועלט, און יעדער פארשטייט אז דער מענטש איז טאקע ממש דארט, נישט ממש נאר ממש ממש, איז פונקט אזוי איז די 'כח הדמיון' אינדערווייניג אינעם מענטש גופא, דער 'כח הדמיון' איז ווי א אינטערנעט אפראט, ער פליט ארום אין אלע עקן פון די וועלט אין רגעים.

'במקום שמחשבתו של אדם שם הוא', דארט ווי די דמיון פליט, דארטן פליט דער מענטש מיט. און א גוטע משל אויף דעם איז די אינטערנעט, וואס אין איין רגע איז דער מענטש אין אלע עקן פון די וועלט, און יעדער פארשטייט אז דער מענטש איז טאקע ממש דארט, נישט ממש נאר ממש ממש, איז פונקט אזוי איז די 'כח הדמיון' אינדערווייניג אינעם מענטש גופא

און מ'זעהט פון די 'כח הדמיון' די געוואלדיגע נפלאות הבורא, ווי דער נפש פון א מענטש איז א אין סופיות'דיגע זאך, ער קען זיצן ביי זיך אינדערהיים, צומאכנדיג די אויגען, און די 'דמיון' הייבט אהן צו לויפן און טראגט אים אוועק ווייט ווייט, ס'טראגט אים אין אלע עקן פון די וועלט, אהן קיינע הגבלות, וואס דאס שרייט אויס די 'אין סופיות' פון די בריאה.

א גוטע משל פאר די כח הדמיון, איז פון 'עדיטען פיקטשער'ס', ס'איז היינט דא די יכולת צו נעמען א 'פיקטשער' און ארום שפילן מיט דעם, מ'קען ארום טוישן די פיקטשער ווי אזוי מ'וויל, גרעסער מאכן און קלענער מאכן, אראפ נעמען און צולייגען, פונקט אזוי און אסאך מער 'סעפיסטיקעריט', האט דער גרויסער באשעפער באשאפן א 'עדיטער' אינעם קאפ, וואס דאס איז דער 'כח הדמיון', וואס ער קען אין סעקאנדעס 'פליפען בילדער', און זיי ארום טוישן אויף אלע וועגען מהקצה אל הקצה, ס'שרייט זיך ארויס 'מה רבו מעשיך ה', די מערסטע 'סעפיסטיקעריט' 'עדיטער' אויף די וועלט.

און דאס איז די לשון הרמב"ם אין "שמונה פרקים" (פרק א') "דער חלק המדמה, איז דער כוח וואס געדענקט די רשימות פון די חושים, נאכן ווערן פארהוילן פון די חושים, און די כח המדמה שטעלט צוזאם שטיקלעך פון דמיונות, און ער צוטיילט שטיקלעך פון דמיונות, און ער קען אנקומען צו טראכטן זאכן וואס זענען נישט במציאות, ווייל ער שטעלט צוזאם כמה זאכן פון וואס ער האט געזעהן, אזוי אז ס'קומט ארויס א פרישע בילד, א בילד פון עפעס וואס איז נישט במציאות".

"אזוי ווי א מענטש קען דמיונ'ן אז א שיף פליט אין די לופטן, אדער א מענטש וואס זיין קאפ קומט אהן ביז די הימל, אדער א 'בעל חי' מיט טויזענט אויגען, אפילו ס'איז א זאך וואס איז נישט שייך במציאות, אזוי קען אויך דער 'מוח הדמיון' דאס אויס דמיונ'ן, לפי די צוזאמשטעלס וואס ער מאכט".

זעהט מען אין רמב"ם די מורא'דיגע כח פון די 'מוח הדמיון', ער נעמט אריין דורך די חושים, נאכדעם געדענקט ער עס גוט, ס'בלייבט א רושם פון אלעס, און דערנאך קאכט ער עס אויס אליינס אויס לפי זיינע רצונות. ס'קומט אויס אז ס'פאנגט זיך אהן פון מציאות'דיגע זאכן, אבער נאכדעם קען ער זיך אפטיילן פון די מציאות, און אויס דמיונ'ן זאכן לפי זיין בחירה, לפי וואס ער וויל. (ויש להעיר מדברי הרמח"ל בספר הגיון פרק א', אז ס'איז דא 'מושג' און 'בדוי', 'מושג' הייבט זיך אהן פון עפעס א דבר מורגש, אבער 'בדוי' איז בלויז דמיון, ס'פעלט נישט אויס פאר 'בדוי' אז די חושים זאלן אים צוהעלפן).

## דמיון און שכל

דמיון און שכל זענען צוויי הפכים, 'דמיון' איז א כח וואס שטעלט צוזאם זאכן, און 'שכל' איז א כח וואס איז מפריד זאכן. ביים 'דמיון' איז אלעס איינס, און ביים שכל איז אלעס צוויי, פון אלעס וואס דער דמיון וויל צוזאמשטעלן, קומט דער שכל און פראבירט צו צוטיילן. און אזוי שלאגען זיך די צוויי כוחות ארום אינעם מענטש פאר אייביג, די 'כח הדמיון' צוט צו רעכטס, און די 'כח השכל' צוט צו לינקס, און ס'באלאנצירט זיך ערגעץ אינדערמיט.

אויך קען מען עס אנרופן אז דער 'דמיון' איז די כח פון 'יא', און די 'שכל' איז דער כח פון 'ניין', און פון אלעס וואס דער דמיון זאגט יא, קומט דער שכל און פראבירט צו זאגען ניין, די שכל איז די 'העדר' פונעם דמיון, די שכל שטעלט אפ דעם דמיון, די שכל האקט כסדר איבער דעם דמיון, און אזוי באלאנסירט זיך די יא און די ניין אינעם מענטש, און ס'קומען ארויס די מחשבות ממוזג פון דמיון און שכל צוזאמען.

די 'דמיון' איז גשמיות און 'ישות', און די שכל איז 'העדר' און 'אין', ווי מ'זעהט בחוש אז דער 'דמיון' מוז אלע מאל האבן עפעס א ציור, א חפצא, א מקום, עפעס פון די ד' חושים, ער דארף זיך אנכאפן אין עפעס א דבר גשמי. מה שאין כן דער שכל איז פארקערט, דער 'שכל' שטעלט אלץ אפ דעם דמיון, די שכל איז דער כח פון 'אין', וואס איז מבטל די ישות פונעם דמיון, די שכל צוימט איין דעם דמיון, די שכל זאגט פארן דמיון 'עד פה תבוא', מער לאז איך דיך נישט גיין ווייטער.

און וועגען דעם איז די 'דמיון' מושך צו עולם הזה, ווי ס'איז מבואר פון ר' ישראל סאלאנטער (אגרות מוסר) אז דער יצה"ר איז דער כח הדמיון. די דמיון האט א כח צו נעמען די וועלט און אויפבלאזן, ער האט א כח עס צומאכן גרויס און חשוב, און פארקערט יענער וועלט האט ער א כח צו מאכן ווייט און קליין. (עי' סוכה נב ע"א 'לצדיקים נדמה כהר, ולרשעים כשערה, והבן).

די כח הדמיון און די כח השכל שלאגען זיך, נישט נאר אין קאפ שלאגען זיי זיך, נאר זיי זענען איבעראל אויסגעשפרייט, אין די גאנצע מענטש, אין קאפ קומט עס ארויס אויף א אופן פון 'מדמה זיין מילתא למילתא' (דמיון), אדער פון 'מפריד זיין מילתא ממילתא' (שכל), און אין די גוף קומט עס ארויס דורך 'תאוה' און 'גאוה'. די 'דמיון' איז די כח ה'תאוה' וואס שלעפט אלעס צו זיך, און די שכל איז די כח ה'גאוה' וואס טיילט אלעס אפ פון זיך, די שכל ארבעט פארקערט ווי די דמיון, און נאר צוזאמען קען א זאך ארויס קומען 'ממוזג' אויף די ריכטיגע אופן.

המשך בעמוד הבא

# ענינים

המשך

**ציורי הדמיון**

ס'איז באקאנט די ברען פון דער הייליגער פיאסעצניר - אין זיינע הייליגע ספרים - אויפצובויען פנימיות, און זיין מהלך איז דורעך די 'כח הדמיון', דורעך אויפבויען א שטארקע 'כח הדמיון' בקדושה, רוחניות'דיגע דמיונות, ווי למשל זיך מצייר זיין די עבודה אין בית המקדש. ווי ער לערנט אויס ווי אזוי עס מצייר צו זיין מיט א שטארקע ציור, נישט א ציור וואס קומט און גייט, א רגע איז עס דא און ס'ווערט גלייך נעלם, נאר א שטארקע ציור וואס האלט זיך, א 'דמיון חזק'.

און אויף דעם איז געבויט זיין ספר 'הכשרת אברכים', ווי ער גייט אריין טרעפיל ביי טרעפיל צו אויפבויען די כח הציור און כח הדמיון פון דעם יונגערמאן, און בעיקר אז ס'זאל זיין א שטארקע דמיון און א שטארקע ציור, א ציור וואס נעמט איבער די מענטש. (און דאס איז אויך זיין נקודה אין זיינע אנדערע ספרים, אויפצובויען די 'רגש' אין עבודת השם, וואס דאס מאכט ער דורעך התפעלות און כח הדמיון. וגם כדאי לציין לספר החשוב 'לב אביגדור' פון ר' אביגדור מילר זצ"ל - דף ל - וואס ער איז הערליך מבאר ווי וויכטיג ס'איז פאר עבודת ה' צו האבן די כח פון ציור און דמיון, וואס ער רופט דארט אהן 'דעת').

# פרשה

המשך

אייבירשטן'ס טיש, 'אתכי דרחמנא קא סמכינא', באקומען אויף די ערשטע, 'למשחה ולגדולה' די בעסטע און די שענסטע, ווי ס'פאסט זיך במקום עשירות, ביי א קעניגליכע טיש.

און דאס איז די קדושה וואס ס'איז דא אין מתנת כהונה, בכור, תרומה, חלה, בכורים, אלע מתנת כהונה האבן א קדושה, ווייל אויב ס'ווערט כאילו דעם אייבירשטן'ס, באקומט עס אויטאמאטיש א 'קדושה', און די כהנים קומען עס עסן ביים אייבירשטן כביכול, דער אייבירשטער געט זיי רשות צו עסן פון זיינע הייליגע עסן'ס כביכול.

אבער 'מעשר' האט נישט קיין קדושה, ווייל 'מעשר' האט גארנישט מיט ראשית און חשיבות, מעשר איז נישט דעם אייבירשטן'ס, ממילא האט עס נישט קיין קדושה.

ווי ס'איז מבואר די יסוד אין אוהחה"ק אז תרומה איז דעם אייבירשטן'ס, מה שאין כן במעשר, און ער איז דאס מדייק פון דעם וואס ביי די כהנים שטייט די לשון הפסוק (במדבר יח כ) 'אני חלקך ונחלתך', און ביי מעשר שטייט נישט די לשון, ווייל תרומה איז דעם אייבירשטן'ס, און מעשר איז נישט דעם אייבירשטן'ס, 'מעשר' איז די נחלה פון די לווים. אנשטאט זיי זאלן באקומען א נחלה אין ארץ ישראל, האט זיי דער אייבישטער געגעבן 'מעשרות', ווי די פסוק זאגט 'כי את כל מעשר בני ישראל וגו' נתתי ללוים לנחלה, על כן אמרתי להם בתוך בני ישראל לא ינחלו נחלה' (במדבר יח כג-כד), די מעשר אליינס איז זייער נחלה.

ביי די כהנים זאגט די תורה אז זיי באקומען בכלל נישט קיין 'נחלה', נישט אין די קרקע פון ארץ ישראל, און אויך נישט דורעך תרומות און מעשרות, נאר דער אייבירשטער אליינס איז זייער נחלה כביכול, 'אני חלקך ונחלתך', זיי עסן תרומה אויפן אייבירשטן'ס טיש. מה שאין ביי די לווים איז די מעשר זייער נחלה, זיי באקומען טאקע נישט קיין נחלה פון קרקעות, זיי באקומען נישט געגוג פלאץ אויף אנצוזייען פעלדער, אבער די מעשר אליינס ווערט פארערכנט פאר זייער נחלה 'כי את כל מעשר וגו' נתתי ללוים לנחלה'. (די ארבעים ושמנה עיר ווערט נישט גערעכנט פאר א נחלה, ווי ס'איז מבואר אין די מפרשים, ווייל ס'איז נישט גענוג שטח אויף אנצוזייען).

'תרומה' איז מלשון 'הרמה', מ'דערהייבט ארויס די 'תרומה' פונעם כרי, מ'איז אים מקדש, אבער נישט נאר די תרומה אליינס ווערט דערהויבן, נאר אויך די גאנצע כרי ווערט עטוואס דערהויבן, ווייל די גאנצע כרי ווערט די 'שיריים' פונעם תרומה, ווייל אויב די הגדרה פון 'תרומה' איז 'ראשית' מיט 'שירים', קומט אויס אז דער חלק ה'שיריים' ווערט אויך דערהויבן בצד מה, ווייל נאר דורעך אים איז דא די 'ראשית'.

משל למה הדבר דומה, ס'איז באקאנט ביי 'שיריים פון צדיקים', אז נישט נאר דאס וואס דער צדיק עסט ווערט נתעלה, נאר אויך די גאנצע 'שיריים' פון די טעליר זיינער, אלעס באקומט א קדושה, אלעס וואס האט נאר באקומען די נאמען 'שיריים' ווערט נתעלה, דאס הייסט אז די אכילה פונעם צדיק איז בגדר 'ראשית', און דאס וואס בלייבט אין טעליר איז בגדר 'שיריים'. איז פונקט אזוי קען מער פארשטיין ביים כהן, אז דאס וואס ער עסט איז בגדר 'ראשית', און דאס וואס ברענגט דעם נאמען 'שירים' אויף די גאנצע חולין וואס בלייבט איבער.

תמצית היוצא: תרומה גייט צו איינגאנצן אנדערשט ווי 'מעשר ראשון', תרומה איז אלעס געבויט אויף 'ראשית', מה שאין כן 'מעשר' וואס דארף נישט 'ראשית', פארקערט אויב עפעס איז עס 'אחרית'. און נאך האט מען מאריך געווען אז די תרומה מיט די חולין זענען זייער שטארק 'מעורב' איינער מיט די אנדערע, מער ווי די מעשר איז אויסגעמישט מיט זיין חולין, און דאס איז סיי ווען ס'איז 'טבל' פארן אפשיידן, אז די תרומה איז אסאך מער אויסגעמישט מיט די חולין, א שטערקערע טבל, און אויך בשעת'ן הפרשה איז די תרומה מער אויסגעמישט, ווי מ'זעהט פון די דין פון 'מן המוקף', און אויך פון די דין אז מ'קען מרבה זיין און ממעט זיין אין די שיעור פון תרומה אנטקעגען די חולין. און נאכדעם האב מיר גערעדט וועגן די קדושה וואס ס'איז דא אין די מתנות כהונה, וואס דאס אלעס קומט אויך ארויס פון די דין פון 'ראשית', וואס דאס איז אויך נישט דא ביי מעשר ראשון.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424